בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת תזריע מצורע תשע"ז** **גליון 406 [שנה ט']**

**זיך נישט גרויס האלטן**

אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ: (יב ב) זאגט רש"י פון ר' שמלאי אזוי ווי דער מענטש איז באשאפן נאך די אלע בריות, אזוי אויך שטייט פריערט אין פ' שמיני די תורה פון חיה ועוף, און נאכדעם די תורה פון דער מענטש (ויקרא רבה). די שפתי חכמים ברענגט א טעם פון גמ' (סנהדרין לח.) אויב א מענטש וועט זיך גרויס האלטן זאל ער וויסן אז די יַתּוּשׁ – פְּלִיג, איז באשאפן געווארן פַאר אים. דאס צו פארשטיין: ווייל די גמ' (שבת דף ע"ז ע"ב) זאגט אלעס וואס דער אויבערשטער האט באשאפן האט א טעם פארוואס עס איז באשאפן געווארן, און א פְּלִיג איז באשאפן געווארן ווייל אויב א שלאנג האט געביסן א מענטש, איז די פליג א רפואה פאר די אַרַס פון שלאנג. קען זיין אז די נחש איז דער יצר הרע וואס הייסט נָחָשׁ הַקַּדְמוֹנִי, ממילא אויב א מענטש וועט זיך גרויס האלטן זאל ער וויסן אז ער דארף אנקומען צו די יתוש וואס איז באשאפן געווארן פאר אים. וועט ער זיך נישט גרויס האלטן. ווייל דער מענטש וואס האלט זיך גרויס פאלגט דער יצר הרע אבער די יתוש איז שטארקער פון די נחש די יצה"ר. (בית פינחס שנייבאלג)

**וואס איז די חשיבות און שמחה ביי א נגע**

אָדָם כִּי־יִהְיֶה בְעוֹר־בְּשָׂרוֹ .. וְהָיָה בְעוֹר־בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרָעַת וְהוּבָא אֶל־אַהֲרֹן הַכֹּהֵן: (יג ב) פרעגן די מפרשים ווען עס שטייט אָדָם ווייזט דאס אויף א חשוב'ע מענטש, דארף מען פארשטיין וואס איז די חשיבות פון א נגע? אויך איז שווער פארוואס שטייט "וְהָיָה" בְעוֹר־בְּשָׂרוֹ א לשון פון שמחה, (פסיקתא זוטא ואתחנן ו י, ויקרא רבה יא ז), וואס איז די שמחה מיט א נגע? נאר מען קען ענטפערן לויט וואס די גמרא (ברכות דף ה:) שרייבט עס זענען דא יסורין פון אהבה, וואס איז א כפרה, און יסורין שאינן של אהבה, וואס איז א שטראף, יעצט אויב די יסורין קומען אין א באהאלטענע פלאץ אין גוף איז דאס יסורין של אהבה, ווייל דער מענטש ווערט נישט פארשעמט, אבער אויב די יסורין קומען אויף א פלאץ וואס אלע קענען דאס זען און דער מענטש ווערט פארשעמט, איז דאס נישט יסורין של אהבה, קען זיין פשט אין פסוק: אָדָם כִּי־יִהְיֶה בְעוֹר־בְּשָׂרוֹ אז די נֶגַע וועט זיין אונטער די בגדים פון מענטש איז דאס יסורין של אהבה, וואס איז חשוב יסורין פון אהבה, דעריבער שטייט אָדָם, און ער דארף זיך פרייען מיט דעם, דעריבער שטייט "וְהָיָה" א לשון פון שמחה. (ספר ישמח משה – ר' אברהם משה דמרי – מגאוני תוניס)

**דער צדיק טוט רייניגן דעם מענטש**

זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ וְהוּבָא אֶל־הַכֹּהֵן: וְיָצָא הַכֹּהֵן אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה וְרָאָה הַכֹּהֵן וְהִנֵּה נִרְפָּא נֶגַע־הַצָּרַעַת מִן־הַצָּרוּעַ: (י"ד ב–ג) איז שווער פריערט שטייט וְהוּבָא אֶל־הַכֹּהֵן, מען דארף אים ברענגען צום כהן און נאכדעם שטייט וְיָצָא הַכֹּהֵן, די כהן גייט ארויס צו אים, אויב ער איז געקומען צום כהן פארוואס דארף דער כהן גיין צו אים? נאר מען קען דאס מסביר זיין לויט וואס דער הייליגער חוזה מלובלין זצוק"ל איז מסביר (ספר אמרי צדיקים) דעם פסוק וְהָיָה בְעוֹר־בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרַעַת וְהוּבָא אֶל־אַהֲרֹן הַכֹּהֵן. וְרָאָה הַכֹּהֵן אֶת־הַנֶּגַע בְּעוֹר־הַבָּשָׂר: (י"ג ב–ג) דא שטייט נישט אז דער מענטש דערציילט פארן כהן אז ער האט א נגע נאר עס שטייט וְרָאָה הַכֹּהֵן אֶת־הַנֶּגַע. זאגט דער הייליגער חוזה אז פון דא זעט מען אז ווען דער מענטש איז נאר געקומען צום כהן, האט דער כהן אליין געקענט זען די נגע, און דאס זעלבע איז ווען א איד קומט צו א צדיק זעט דער צדיק די חסרונות פון מענטש אפי' ער דערציילט אים נישט ע"כ. דאס זעלבע קען מען זאגן דא: זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ, רעדט זיך אז דער מענטש האט תשובה געטאן און וויל זיך אנגאנצן רייניגן, וועט דער צדיק דאס מרגיש זיין, ממילא וְיָצָא הַכֹּהֵן וועט דער צדיק גיין צו אים און מקרב זיין צו תשובה שלימה, און וְהִנֵּה נִרְפָּא נֶגַע־הַצָּרַעַת מִן־הַצָּרוּעַ, ער וועט זיין אינגאנצן אויסגעהיילט און ריין דורך דעם צדיק, אזוי ווי עס שטייט א צדיק קען אויס וואשן א נשמה ריין. (שמח זבולון תשע"ז)

**פארוואס שטייט כנגע און נישט נגע**

כְּנֶגַע נִרְאָה לִי בַּבָּיִת: (י"ד ל"ה) דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט כְּנֶגַע און נישט נֶגַע נִרְאָה לִי? אויך איז שווער פארוואס שטייט "לִי" עס האט געקענט שטיין כְּנֶגַע נִרְאָה בַּבָּיִת? נאר עס שטייט אין חז"ל אז פריערט גיט דער אויבערשטער א נגע אויף דעם הויז און נאכדעם אויף זיינע כלים און אויב ער טוט נישט תשובה באקומט ער א נגע אויף זיין גוף. איז דער ענין פון די נגעי בתים כדי ער זאל תשובה טאן. און דער מענטש זאל זיך מתקן זיין, דאס קען זיין כְּנֶגַע דער נגע וואס וואלט געדארפט זיין אויף אים נִרְאָה "לִי" דער אויבערשטער מיר געגעבן פאר מיין טובה און דאס געלייגט בַּבָּיִת, עוד י"ל כְּנֶגַע און נישט נֶגַע, ווייל עס שטייט אַל תִּפְתַּח פֶּה לְשָׂטָן, דעריבער זאל מען נאר זאגן כְּנֶגַע, עס איז אזוי ווי א נֶגַע און נישט א נֶגַע. (דברי שאול ר' יוסף נתנזון)

**פרקי אבות פרק ב**

רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי קִבֵּל מֵהִלֵּל וּמִשַּׁמַּאי. הוּא הָיָה אוֹמֵר, אִם לָמַדְתָּ תּוֹרָה הַרְבֵּה, אַל תַּחֲזִיק טוֹבָה לְעַצְמְךָ, כִּי לְכָךְ נוֹצָרְתָּ: (פ"ב משנה ח)

אויב דו האסט געלערנט א סאך תורה זאלסטו זיך נישט גרויס האלטן כִּי לְכָךְ נוֹצָרְתָּ ווייל וועגן דעם ביסטו באשאפן געווארן. אין ספר כרם צבי ברענגט א שיינעם טייטש: אויב דו האסט געלערנט א סאך תורה, אַל תַּחֲזִיק טוֹבָה זאלסטו נישט האלטן די תורה פאר זיך, [וואס טוב איז תורה, כי לקח טוב נתתי,] נאר זאלסט לערנען מיט אנדערע און זיי העלפן לערנען, כִּי לְכָךְ נוֹצָרְתָּ ווייל ווען דער אויבערשטער האט געוואלט באשאפן דעם מענטש האט אֱמֶת געזאגט אַל יִבָּרֵא, אבער חֶסֶד האט געזאגט יִבָּרֵא, און עס איז נישטא א גרעסערן חסד ווי צו העלפן א צווייטן אין לערנען.

מיט דעם קען מען פארשטיין די סמיכות פון די אנדערע משנה רבן יוחנן בן זכאי האט געהאט 5 תלמידים, וואס לכאורה וואס איז די גרויסקייט אקעגן הלל און ר' עקיבא וואס האבן געהאט אסאך מער תלמידים? נאר 5 תלמידים האט רבן יוחנן בן זכאי געהאט ער און זאגט זייערע שבחים, רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן הֻרְקְנוֹס, וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָה, וְרַבִּי יוֹסֵי הַכֹּהֵן, וְרַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן נְתַנְאֵל, וְרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲרָךְ. וואס די מעלות האט ריב"ז אין זיי ארייננגעלייגט. ווייל ער האט געלערנט מיט יעדן באזונדער. דער חת"ם סופר ברענגט אז די מצוה פון ואהבת לרעיך כמוך מיינט לערנען תורה מיט א צווייטן. אויך זעט מען אין גמ' (מגילה כ"ח:) דריי מאמרים וועגן די חשיבות פון " מתני-לימוד- לאחרים" און "תנא-לימוד- פאר זיך.

א צווייטן אויפן איז ער מסביר: ווייל עס איז ידוע אז א מלאך לערנט אויס א מענטש כל התורה כולה, און ווען ער קומט ארויס אין דעם עולם גיט אים דער מלאך א פאטש און מען פארגעסט. דארף מען פארשטיין אויב מען וועט די תורה פארגעסן פארוואס דארף ער דאס אויסלערנען? נאר כדי שפעטער ווען דער

מענטש וועט הארעווען אין לערנען וועט ער משיג זיין וואס דער מלאך האט אים אויסגעלערנט, דאס מיינט ם לָמַדְתָּ תּוֹרָה הַרְבֵּה, אַל תַּחֲזִיק טוֹבָה לְעַצְמָךְ זאלסט זיך נישט גרוים האלטן אז דו האסט דערגרייכט אזא מדריגה אין תורה ווייל לְכָךְ נוֹצָרְתָּ, דער אויבערשטער האט דיר שוין פון פריערט געגעבן די תורה. (ספר כרם צבי - א חסידישער סוחר ר' צבי זאב גאלדבערג געוואוינט אין אמעריקא פאר די ערשטע וועלט מלחמה הסכמות כלי חמדה ועוד נו"י תרפ"א)

# מדור העובדות לכבוד ההילולא ג' אייר

## דער הייליגער ר' ישעי'לע מקערעסטיר זצוק"ל האט מחיה מתים געווען און געראטעוועט א איד

ביי די לויה פון הרה"ק ר' ישעי' מקערעסטיר זצוק"ל (ג' אייר תרפ"ד) איז געווען א איד וואס איז נישט געווען באקאנט ביי די חסידים וואס האט געוויינט זייער שטארק, נאך די לוי' האט מען איהם געפרעגט די סיבה פון זיין וויינען? האט ער געזאגט אז דער רבי האט געראטעוועט זיין לעבן און יעצט פילט ער אז ער מעג שוין דערציילן וואס ער האט זיך איינגעהאלטן אלע יארן פון צו דערציילן.

ער האט אנגעהויבן: ער הייסט יצחק און ער וואוינט אין א שטעטל לעבן קערעסטיר. און ער האט א שענק און איז זייער מצליח. עס איז געווען דעמאלטס ביי די ערשטע וועלטס מלחמה האט די ממשלה ארויסגעגעבן א באפעל אז אלע שענק'ס מוזן זיין פארמאכט שבת און זונטאג, ווייל מען האט נישט געוואלט יענע טאג וואס די באפעלקערונג ארבעט נישט אז די גוים זאלן זיך אנשיכורן, ווייל זיי וואלטן געמאכט צרות אין זייער פרייע צייט. אויב מען האט איינעם געכאפט אז מען האט דעמאלטס פארקויפט בראנפן האט מען געקענט געבן טויט שטראף פאר דעם.

איין שבת נאכמיטאג האט געקלאפט אויפן טיר זיינעם א שכן און בעט א טרינק, און וויפיל ער פרובירט זיך ארויסצודרייען פון אים האט עס נישט געהאלפן, און ווייל זיי זענען געווען נאנטע שכינים האט ער אים אריינגעלאזט און מסכים געווען צו געבן איין גלאז. אבער דער גוי האט געוואלט מער און געסאטראשעט אויב ער גיט אים נישט נאך וועט ער אים מסר'ן אויף די גלאז, האב איך איהם געגעבן נאך א גלאז ביז ער איז געווארן שיכור און דער גוי האט אנגעפאנגן רעדן אנקעגען אידן און געזאגט איך גיי דיר מסר'ן פאר די רעגירונג און מען וועט דיר געבן טויט שטראף! האב איך נישט געוואוסט וואס צו טאן איך האב זיך דערשראקן און זיך פארלוירן און איך האב גענומען א גראבע שטעקן און איהם געהאקט אויפן קאפ ביז ער איז אראפ געפאלן און איך האב געזען אז ער לעבט שוין נישט. האב איך זיך יעצט נאך מער דערשראקן ווייל יעצט וועט מען מיר זיכער געבן דעם טויט שטראף און די אידן פון שטאט וועלן אויך ליידן וועגן דעם מיט פאגראמען.

האב איך געוויינט און געבעטן דעם אויבערשטן ער זאל מיר חונן דעת זיין וואס צו טאן. און דער אויבערשטער האט מיר אריינגעשיינקט א געדאנק און איך האב זיך דערמאנט אז נישט ווייט פון דא אין קערעסטיר איז דא א וואונדער רבינער און ער וועט מיר זיכער קענען העלפן. האב איך גענומען דעם גוי און באהאלטן אונטער מיין בעט און געווארט ביז עס וועט זיין טונקל און דער שבת וועט ארויס גיין. מוצאי שבת בין איך שנעל געפארן קיין קערעסטיר און אריינגעגאנגען צום רבי'ן מיט א געוויין און א בהלה און דערציילט וואס איך האב געטאן. און ווי אזוי קען איך זיך ראטעווען? און אויך די שטעטל זאל נישט ליידן פון דעם! דער רבי איז געווארן זייער ערנסט און מיר אנגעשריגן "וואס האסטו געטאן ווי אזוי שלאגט מען א גוי, מיר זענען דאך אין גלות, מען טאר דאס נישט טאן, דו ווייסט דען נישט פאר זייער רשעות קענען זיי הרגענ'ען"! האב איך געזאגט פאר'ן רבי'ן אז איך האב זיך נישט געקענט ארויסדרייען און ווען ער איז געווארן שיכור און געסטראשעט, האב איך זיך פארלוירן ווייל איך האב געוואלט זיך און דעם שטעטל ראטעווען פון די גויים!

האט דער רבי געזאגט איך זאלווארטן א פאר מינוט און דער רבי האט זיך איינגעדרימעלט אויף זיין בענקל כדרכו בקודש און איז געשוועבט אין הויכע עולמות און אין עטליכע מינוט האט דער רבי זיך אויפגעכאפט. און דער רבי האט געזאגט איך האב פאר דיר א עצה, און דער רבי גייט און נעמט ארויס צוויי מטבעות און האט זיי אנגעווארמט אויף די מוצאי שבת ליכט און ער האט געזאגט עפעס א לחש -תפילה ווערטער- אויף זיי, און נאכדעם מיר זיי געגעבן און האט געזאגט נעם די צוויי מטבעות און לייג זיי אריין אין די האנט פון גוי און זאג איהם אריין אין אויער בזה הלשון: "ישעיה בן משה פון קערעסטיר האט באפוילן מיט די כח פון צאנזער רב און מיטן כח פון הייליגן ליסקער רב זאלסטו אויף שטיין און גיין אהיים."

בין איך אהיים געגאנגען פול מיט אמונה אין צדיק און אריינגעלייגט די צוויי מטבעות אין די האנט פון גוי און געזאגט אזוי ווי דער רבי האט געהייסן און צוביסלאך איז דער גוי געקומען צו זיך און איז אויפגעשטאנען און האט געפרעגט "וואו בין איך"? און איך האב געזאגט אז ער האט געחלש'ט דא און איך האב אים דערמינטערט, און ער זאל שוין אהיים גיין. ווען דער גוי איז אהיימגעקומען האט זיין ווייב איהם אנגעשריגן וואו ביסטו געווען? מן הסתם האסטו זיך אנגעשיכור'ט און אונזערע גאנצע געלט נוצטו אויס אויף בראנפן, און פאר די שטוב לאזטו גארנישט איבער. דער גוי איז נישט געבליבן שולדיג און געוואלט עפעס טאן פאר זיין ווייב האט זי שנעל גענומען א האלץ און איהם געשלאגן און דער גוי איז אנידער געפאלן און איז געשטארבן, און אזוי בין איך געראטעוועט געווארן.

ווען איך בין געקומען צו זיך, בין איך געפארן קיין קערעסטיר און געוואלט דאנקען דעם רבי'ן אויף די גרויסע נס וואס ער האט פארפראוועט און מיר געראטעוועט. האט דער רבי געזאגט ערשטענ'ס האסטו געהארגעט א גוי אין שבת און ווייל עס איז געווען בשוגג דארפסטו גיין אין גלות איין יאר און נישט נעכטיגן צוויי נעכט אויף די זעלבע פלאץ, און מיט דעם וועסטו האבן א כפרה. און נאך א זאך, זאלסטו נישט דערציילן פאר קיינעם וואס איך האב געטאן. האט ר' יצחק אויסגעפירט אז איך בין מכיר טוב פארן רבין וואס האט מיר געראטעוועט און יעצט נאך זיין הסתלקות פיל איך אז איך מוז דאס דערציילען. די מעשה האט דערציילט ר' אהרן בלייך און הר"ר מענדל רובין און נאך זיע"א.


הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

*סעט זוהר דפוס זיטאמיר מצב מפואר 3000$ תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר מצב מפואר $8500, תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר של הסידור $4500 א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עס וועט העלפן $22000, סידור חסד לאברהם מצב חדש מנטובא תקמ"א עפ"י האריז"ל $8000, חובת הלבבות שנת ש"ח מצב יפה רק חסר השער $3000, סעט ארבע טורים מצב נהדר עם כריכה ארגינלית נדפס דיהארנפורט עם חתימת הגאון ר' זרח ב"ר אבא ליפפא אב"ד בוחיף ועוד $2000, קצות החושן עם הסכמת הרה"ק ר' משה מזוויהעל. ספר שו"ת חת"ם סופר עם הגהות הרה"ק ר' שלום משאץ. ספר שו"ת בנימין זאב שייך לבעל תפארת שלמה מראדאמסק ובנו החסד לאברהם $12000, דף כתב יד ב' צדדים מהחת"ם סופר $18000, מגן אברהם טריסק דפו"ר עם הברכה $4000, ועוד ועוד, אלטע אויגן גלעזער נישט פון חזון איש, מילר חלף לעופות*

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת

**Do Not Pay for Sheimos if you have good condition older seforim, We can also pick up for free.**